**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 7/21/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

## גאווערנער האוקול אנאנסירט פארענדיגונג פון 7.7 מיליאן דאלערדיגע שטיצנדע האָוזינג דעוועלאפמענט אין קארטלענד קאונטי

***'גרעיס בראון האָוס' באט אן 25 דירות פון שטיצנדע האָוזינג פאר איבערלעבער פון שטוב-געוואלדפארברעכנס און מאכן מיט היימלאזיגקייט***

***פראיעקט איז א טייל פון 'CNY רייזינג' — דער ראיאָן'ס ארומנעמיגע סטראטעגיע אויפצולעבן געגנטער און מאכן וואקסן די עקאנאמיע***

גאווערנער קעטי האוקול האט היינט געמאלדן די פארענדיגונג פון 'גרעיס בראון האָוס', א 7.7 מיליאן דאלערדיגע קביעות'דיגע שטיצנדע האָוזינג פראיעקט אין קארטלענד קאונטי. דער פראיעקט, וועלכס איז פינאנצירט געווארן דורך געלטער פון דער סטעיט'ס 'האומס ענד קאמיוניטי ריניועל' און דער סטעיט'ס אפיס פון צייטווייליגע און דיסאַביליטי הילף, האט געשאפן 25 דירות פון שטיצנדע האָוזינג פאר שטוב-געוואלדטאט איבערלעבער און זייערע פאמיליעס וועלכע זענען אין געפאר פון מיטמאכן היימלאזיגקייט.

"צו אפט געפונען זיך שטוב-געוואלדטאט איבערלעבער אין אומסטאבילע וואוינונגס אומשטענדן אלס דירעקטער רעזולטאט פון זייער איבערלעבעניש," **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** "'גרעיס בראון האָוס' וועט געבן סטאביל שטובער און קריטישע סערוויסעס פאר די איבערלעבער און זייערע פאמיליעס, און דאס אליין וועט דערנאך העלפן צענטראל ניו יארקער קאמיוניטיס קאנפראנטירן די הויפט אורזאכן פון היימלאזיגקייט."

"שטיצנדע האָוזינג גיבט אן אויפפאסנדע און שטיצנדע אלטערנאטיוו צו היימלאזיגקייט וואו איבערלעבער פון שטוב-געוואלדטאט קענען נישט נאר וואוינען נאר אויך באקומען נייטיגע סערוויסעס," **האט געזאגט ליוטענאנט גאווערנער אנטאניא דעלגאדא.** "די 25 דירות ביי 'גרעיס בראון האָוס' אין קארטלענד קאונטי וועט פארזארגן א מקום מנוחה פאר קרבנות פון שטוב-געוואלדטאט און העלפן זיי צוריקשטעלן אויף א וועג צו ערהוילונג."

די דריי-שטאקיגע געביידע, געבויט דורך 'קריסטאפער קאמיוניטי אינק.', אנטהאלט 18 איינציג-שלאפצימערדיגע און זיבן צוויי-שלאפצימערדיגע דירות, און אלע דירות זענען באשטימט פאר יחידים אדער פאמיליעס וועלכע מאכן מיט היימלאזיגקייט אדער האָוזינג אומזיכערהייט. דער YWCA פון קארטלענד שטעלט צו שטיצנדע סערוויסעס — אריינגערעכנט קעיס פארוואלטונג, לעגאלע, בילדונגס און וואקציאנעלע סערוויסעס — דורך אפעראציע געלטער געשאפן דורך דעם עמפייער סטעיט שטיצנדע האָוזינג איניציאטיוו, וועלכס ווערט אנגעפירט דורכ'ן אפיס פון צייטווייליגע און דיסאַביליטי הילף.

דער דעוועלאפמענט איז א נאמען געגעבן אין פארערונג פון גרעיס בראון, וועלכע האט זיך געצויגן קיין קארטלענד אויף זיך צו זוכן א בעסערן לעבן דורכאויס די אנהייב 20'סטן יארהונדערט אבער איז

אנשטאט דעם דערמארדעט געווארן דורך אן אינטימליכער זיווג. איר טראגישע געשיכטע האט געצויגן נאציאנאלע אויפמערקזאמקייט און אונטערגעמוטיגט באוואוסטזיניגקייט איבער שטוב-געוואלדטאטן.

׳גרעיס בראון האָוס׳ איז פינאנצירט געווארן מט א באשטימונג פון פעדעראלע נידעריגע-איינקונפט האָוזינג שטייער קרעדיט וואס ווערן שאפן בערך 4.6 מיליאן דאלער אין באזיצערשאפט און 365,000 דאלער אין סובווענץ פון האומס ענד קאמיוניטי ריניועל. דער פראיעקט באקומט אויך 1.9 מיליאן דאלער דורך דעם היימלאזע האוזינג און הילף פראגראם, וועלכס ווערט אנגעפירט דורך דער סטעיט אפיס פון צייטווייליגע און דיסאַבילִיטי הילף.

אין צוגאב, האט דער דעוועלאפמענט באקומען 500,000 דאלער דורך דער פעדעראלער הויים באנק, און, 25,000 דאלער דורך דער ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אויטאריטעט. אלע דירות וועלן זיין צוגענגליך פאר הויזגעזונדער וועלכע פארדינען ביז 50 פראצענט פון די ארטיגע דורכשניטליכע פארדינסטן.

פלאצירט נאענט צו פובליק טראנספארטאציע ליניעס, אנטהאלט דער דעוועלאפמענט צוויי דירות צוגעפאסט אויף צו זיין פולשטענדיג צוטריטליך פאר מענטשן מיט באוועגיקייט פעלערן און צוויי דירות פולשטענדיג צוגענגליך פאר מענטשן מיט הערן אדער זעעדיגקייט פעלערן. געביידע באקוועמליכקייטן וועלן אריינעמען א קאמיוניטי צימער, א קינדער שפיל ארט, אלגעמיינע לאַנדרי איינריכטונגען, א קאמפיוטער לאבאראטאריע, פראָפערטי פארוואלטער און שטיצע סערוויס שטאב אפיסעס, און אפן-לופטיגע טעראסע און שפיל פלאץ.

׳גרעיס בראון האָוס׳ דערגאנצעט גאווערנער האוקול׳ס אמביציעזן גאנץ-סטעיט׳יגע פלאן צו מאכן האָוזינג מער צוגענגליך, יושר׳דיג און סטאביל לענגאויס ניו יארק. אין דעם לעצטנס-דורכגעפירטן סטעיט בודזשעט, האט דער גאווערנער מיט ערפאלג געשאפן א נייע 25 ביליאן דאלערדיגער, פינף-יעריגער אלץ-ארומנעמענדע האָוזינג פלאן וואס וועט העכערן די האָוזינג זאפאס דורך שאפן אדער אפהיטן 100,000 צוגענגליכע שטובער לענגאויס דעם סטעיט, אריינגערעכנט 10,000 מיט שטיצע סערוויסעס פאר מער-אומבאהאלפענע טיילן פון דער באפעלקערונג.

דער פראיעקט בויט אויך אויף דער גאווערנער׳ס אלגעמיינע סטראטעגיע אויפצולעבן קאמיוניטיס און מאכן וואקסן די עקאנאמיע לענגאויס דעם סטעיט, אריינגערעכנט ׳צענטראל ניו יארק רייזינג׳, דער ראיאן׳ס אלץ-ארומנעמענדע בלופרינט צו שאפן שטאנדהאפטיגע עקאנאמישע אויפשטייג און קאמיוניטי אנטוויקלונג. זינט 2011, האט ניו יארק סטעיט ׳האומס ענד קאמיוניטי ריניועל׳ אינוועסטירט 296 מיליאן דאלער אין דעם צענטראל ניו יארקער ראיאן כדי צו שאפן אדער אפהיטן קרוב צו 4,000 צוגענגליכע היימען.

**אפיס פון צייטווייליגע און דיסאַבילִיטי הילף קאמיסיאנער דעניעל דאָבליו. טיעץ האט געזאגט,** ״שטוב געוואלדטאט איבערלעבער ליידן אפטמאל פון לאנג-אנהאלטנדע טראומא פון זייער דורכלעבענישן, און דער גייסטישער איבערקערעניש קען אין ענדע זיי ברענגען מיטצמאכן אומסטאבילע וואוינונגס אומשטענדן. די קביעות׳דיגע שטיצנדע האָוזינג אנגעבאטן דורכ׳ן ׳גרעיס בראון האָוס׳ איז ממלא א חסרון אין קארטלענד קאונטי, און גלייכצייטיג פארזארגט עס סטאביליטעט פאר איבערלעבער אין צענטראל ניו יארק. דער פראיעקט, ווי פילע אנדערע געשטיצט דורך דער היימלאזע האוזינג און הילף פראגראם, צייגט גאווערנער האוקול׳ס ווירקליכע אנטשלאסנקייט צו פארזיכערן סטאבילע האָוזינג איז סיי אריינגעמיג און סיי יושר׳דיג פאר אלע ניו יארקער.״

**׳האומס ענד קאמיוניטי ריניועל׳ קאמיסיאנערין רוט-ענע וויסנאוסקאס האט געזאגט,** ״פאר יעדן ניו יארקער קומט זיך א זיכערן ארט אנצורופן א היים, און ׳גרעיס בראון האָוס׳ וועט פארזארגן דאס און פיל

מער פאר 25 הויזגעזינדער. אינאיינעם מיט שטיצנדע סערוויסעס, וועט דער דעוועלאפמענט׳ס ענערגיע-גינציגע געביידע און פאמיליע-צוגעפאסטע באקוועמליכקייטן אנבאטן א באקוועמע סביבה פאר איינוואוינער אויף זיך צו ערהוילן און פאראויס-ציען. א יישר כח פאר OTDA, דער YWCA און ׳קריסטאפער קאמיוניטי׳ פאר זייער צוזאמארבעט אין פארענדיגן דעם לעבנס-ענדערנדן דעוועלאפמענט, און צו גאווערנער האוקול פאר איר אנטשלאסנקייט צו העכערן די זאפאסן פון צוגענגליכע, שטיצנדע האָוזינג אין צענטראל ניו יארק און לענגאויס דעם סטעיט.״

**אפיס פאר פארמיידן שטוב-געוואלדטאט דירעקטארין קעלי אווענס האט געזאגט,** ״אן זיכערע און צוגענגליכע האָוזינג, דארפן פילע געליטענע פון שטוב-געוואלדטאט מאכן די אוממעגליכע באשלוס צו איידער בלייבן מיט זייער באפאלערישער שטוב-זיווג אדער דארפן אויסשטיין היימלאזיגקייט. אזוי ווי ניו יארק סטעיט טראנספארמירט סיסטעמען צו זיין מער איבערלעבער-פאקוסירט, טראומא-אינפארמירט און קולטורעל אפרופנד, טוען מיר ווידער-אויסשטעלן סערוויסעס און פריאריטיזירן קביעות׳דיגע האָוזינג לייזונגס-מיטלען וועלכע סטאביליזירן פאמיליעס באטראפן דורך די פילע סארטן בא׳עוולה׳ן. דער ׳גרעיס בראון האָוס׳ פארעהרט איבערלעבער וועלכע נייטיגן זיך אין שטיצע שוין באלד דורך צושטעלן קביעות׳דיגע, שטיצנדע האָוזינג יוניטס. איך בין שטאלץ צו סערווירן א גאווערנער וועלכע שטעלט צום ערשט זיכערע און סטאבילע האָוזינג פאר די מערסט באדערפטיגע טיילן פון דער באפעלקערונג, אריינגערעכנט קרבנות און איבערלעבער פון דזשענדער-באזירטע געוואלד-פארברעכנס.״

**אסעמבלי-מיטגליד אנא אר. קעלעס האט געזאגט,** ״איך בין באגייסטערט צו קענען זיך פרייען מיט דעם גרענד אָפּענינג פון ׳גרעיס בראון האָוס׳ און דער צוזאמארבעט צווישן דער שטאט קארטלענד, דער טאון קארטלענדוויל, קארטלענד קאונטי, קריסטאפער קאמיוניטי און דער YWCA וואס האט געברענגט דעם פראיעקט צו דער ווירקליכקייט. קארטלענד קאונטי, אזוי ווי פילע אנדערע ערטער אין ניו יארק, נייטיגט זיך שטארק אין צוגענגליכע און שטיצנדע האָוזינג. עס איז אונזער דזשאָב צו העכערן האָוזינג אין אלע קאטעגאריעס, איבערהויפט פאר אונטער 50 פראצענט AMI. די דאזיגע געביידע איז א קריטיש-וויכטיגע טייל פון דעם פלאן, בשעת מיר ארבעטן צו פארזיכערן אז יעדער אין אונזער קאמיוניטי האט צוטריט צו זיכערע און צוגענגליכע האָוזינג. די קאָוויד-19 פאנדעמיע האט ערגער געמאכט שטוב-געוואלדטאט און עס איז גאר וויכטיג אז מיר זאלן שאפן א מקום מנוחה וואו מענטשן וועלן נישט בלויז האבן א סטאבילע און זיכערע היים ארט נאר אויך צוטריט צו ארומנעמיגע סערוויסעס. דער ׳גרעיס בראון האָוס׳ וועט צושטעלן פאר 25 פאמיליעס האָוזינג ווי אויך קריטיש-וויכטיגע טשיילד-קעיר, גייסטישע געזונט שטיצע, דזשאָב טרענירונג, און דאס וויכטיגסטע, א סביבה פון ערהוילונג און זיך אננעמען מיט פרישע קרעפטן.״

**YWCA פון קארטלענד עקזעקיוטיוו דירעקטאר קעלי טאבין האט געזאגט,** ״דער YWCA קארטלענד האט אפעריר עמערדזשענסי האָוזינג סערוויסעס פאר איבער 40 יאר, צוזעענדיג ווי עס האלט אין איין וואקסן די נויט פאר צוגענגליכע האָוזינג אין דער קארטלענד קאמיוניטי. דער ׳גרעיס בראון האָוס׳ וועט אויסציען די אנבאטונגען פאר קליענטן און דורכדעם עלימינירן די מניעות צו זיכערע, צוגענגליכע און הויכע-קוואליטעט האָוזינג. מיר זענען באגייסטערט צו ברענגען דעם פראיעקט צו דער קאמיוניטי און צו דעם ׳הילף פאר געוואלדטאט איבערלעבער׳ פראגראם אלס א פארברייטערטע חלק פון אונזערע ארומנעמיגע סערוויסעס.״

**פארשנעלערן ׳CNY רייזינג׳**

׳גרעיס בראון האָוס׳ דערגאנצעט [׳CNY רייזינג׳](), ״דער ראיאן׳ס אלץ-ארומנעמענדע בלופּרינט אויף צו שאפן שטאנדהאפטיגע עקאנאמישע אויפשטייג און קאמיוניטי אנטוויקלונג. דער ראיאניש-פלאנירטער אויסלייג וועט זיך קאנצענטרירן אויף קאפיטאליזירן אויף אינטערנאציאנאלע האנדל געלעגנהייטן, פארשטערקערן ענטרעפּענויורשאפט און שאפן אן אינקלוסיווע עקאנאמיע. דער ראיאן פארשנעלערט

CNY׳ רייזינג׳ מיט א 500 מיליאן דאלערדיגע אינוועסטירונג דורך דעם אָפּסטעיט אויפלעבונג אונטערנעמונג, וועלכע וועט אינצענטיוויזירן פריוואטע ביזנעסער צו אינוועסטירן איבער 2.5 ביליאן דאלער. דער ראיאן׳ס פלאן, ווי איינגעגעבן, טוט פאראויסזאגן ביז 5,900 נייע דזשאָבס.

###


נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418



זיך אויסשרייבן